

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בלק
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ח

## פראגע

**איך האט גערעדט היינט וועגן די גרויסקייט פון לערנען תורה און ווי וויכטיג עס איז פאר די שלימות פון א מענטש. אבער מיינט איך נישט אז געוויסע מענטשן קענען ענדערש שטייגן אין אנדערע תחומים? נישט יעדער האט געהאט די געלעגנהייט אין זייערע יונגע יארן צו לערנען און יעצט איז שוין צו שפעט?!**

## ענטפער:

**דער** ענטפער איז – קיינער איז נישט אויסגעשלאסן פון לערנען תורה, עס איז נישט דא אזא זאך ווי נישט האבן די געלעגנהייט. יעצט, דאס מיינט נישט אז אויב איר וועט לערנען תורה וועט איר ווערן א חבר פון רבי יעקב קאמענעצקי, און עס מיינט נישט אז איר וועט זיצן נעבן דעם סטייפעלער גאון און רעדן און לערנען... אבער זיכער קען יעדער לערנען תורה.

אויב זענט איר אינטערעסירט, קענט איר זיך אנשליסן אין אונזער טעלעפאן-פראגראם. עס איז אומגלויבליך וואס איר קענט דערגרייכן. איר וועט לערנען א האלבע פסוק חומש א טאג דורך א גרינגע איבערטייטשונג. נאך א ווייל, וועט איר זיין איבערראשט – איר וועט שוין קענען צוויי פרשיות פון חומש. עס איז נישט דא קיין תירוץ דאס נישט צו טון. דאן וועט איר אנהייבן פרקי אבות און עווענטועל וועט איר קענען אלע 6 פרקים פון פרקי אבות. דאן וועט איר עס לערנען אָ די נקודות. איר וועט קענען זאגן 6 פרקים פון משניות אן קיין נקודות. דערנאך וועלן מיר אייך ארויפלייגן אויף א גמרא פראגראם, און איר זענט אויפ'ן אויסגעצייכנטן וועג צו גרויסקייט. יעדער מענטש קען עס טון!

וואס דען? אזויפיל קענט איר פרעגן. אויב לאמיר זאגן א מענטש טוט עס נישט און ער וועט עס נישט טון; זענען נישט דא נאך וועגן צו שטייגן? יא, עס זענען אויך דא נאך מהלכים צו שטייגן. יא, אודאי לייקענען מיר עס נישט. אבער די העכסטע אופן פון שלימות איז דורך לערנען תורה. און אויב מענטשן ווילן וויסן וויאזוי עס צו טון, זענען מיר פרייליך אים צו באגלייטן פריוואט און זיי געבן א גרינגע פראגראם עס אויסצופירן, א פראגראם מיט וואס יעדער קען מצליח זיין.

עס זענען אבער אויך דא נאך זאכן צו טון, אין צוגאב צו דעם. מענטשן קענען שטייגן גרויס אין **אמונה**. דאס איז א גרויסע פעלד! מענטשן קענען וואקסן אין **תפלה**; זייער א גרויסע פעלד. מענטשן קענען שטייגן גרויס אין **צדקה**; א גרויסע פעלד. מענטשן קענען וואקסן גרויס אין אויסארבעטן זייערע **מדות**. דאס איז זייער א גרויסע פעלד! עס זענען דא נאך נושאים און צווייגן, פון די אלע פעלדער. עס איז דא זייער אסאך וואס אויפצוטון אויף דער וועלט.

ווי עס שטייט אין די משנה **"היום קצר"** – דאס לעבן איז קורץ, **"והמלאכה מרובה"** – און עס איז דא אסאך ארבעט צו טון. און קיינער ווערט נישט ארויסגעלאזט פון געלעגנהייטן.

אבער ווען איר גייט אריין אין א געשעפט וואו מען פארקויפט אסאך סארטן סחורה – אודאי טראכט יעדער סוחר פון זיך, אבער שטעלט אייך פאר עס איז דא א גוטהארציגער סוחר וואס וויל אייך באמת העלפן – און איר קומט אריין אין געשעפט און איר האט א געוויסע סומע פון געלט. וועט אייך דער סוחר זאגן, "קוק, די בעסטע סחורה יעצט צו קויפן איז דאס. עס קען זיין אז איר אין אייערע אויגן כאפט עס נישט, אבער איך זאג אייך אז דאס איז די בעסטע סחורה וואס איר קענט יעצט קויפן פאר אייער געלט. אויב ווילט איר קויפן עפעס אנדערש, נישט קיין פראבלעם, איך האב נאך זאכן וואס זענען זייער גוטע סחורה, אבער איך זאג אייך אז דאס איז די בעסטע."

און דערפאר זאגט דער אויבערשטער, "איר ווילט נישט לערנען? איך האב נאך זאכן צו טון; עס זענען דא אסאך גוטע זאכן צו טון. אבער מיינע ליבע קינדערלעך, איך געב אייך ארויס דעם בעסטן פארשלאג, איך האף איר וועט עס אננעמען. **'כי לקח טוב נתתי לכם'** – איך געב אייך דעם

בעסטן געשעפט צו קויפן, **'תורתי אל תעזבי'** – לאזט נישט איבער מיין תורה.״ (#263)

## פראגע

## צי ווערן מיר באטראכט אלס צדיקים אז דער באשעפער זאל ווערן אויסהערן אונזערע תפילות?

### ענטפער:

**איך** גיי אייך דא עפעס זאגן. איר האט א רעכט אין דעם פאל צו זיין א בעל גאוה און זיך האלטן פאר א צדיק, ווייל איר האט נישט קיין ברירה. איר ווילט דאך אז ער זאל צוהערן אייערע תפילות.

**״כי אתה שומע תפלת כל פה״** – דאס איז די נוסח ספרד – ״ווייל דו השי״ת הערסט אויס די תפילות פון יעדן מויל.״ איז ערשטנס כל, נישט קיין חילוק ווער איר זענט, לוינט זיך צו שרייען צום אויבערשטן.

און יעצט וועל איך אייך זאגן א סוד, לאמיר זאגן איר זענט טאקע נישט קיין צדיק, אבער איר שרייט צום אויבערשטן; ווייסט איר וואס שרייען צום אויבערשטן טוט מיט אייך? עס מאכט אייך פאר א צדיק! **דאס טוט תפלה צו א מענטש.**

במילא זארגט אייך נישט און ווערט פארנומען צו **ווערן** א צדיק. דאס אלעס. זייט מתפלל! פון די טיפעניש פון אייער הארץ, און אסאך תפילות!

און אזוי ווערט מען א צדיק.

## פראגע

## וויאזוי זאלן עלטערן פון א מח-געשעדיגטער קינד ה״י פארשטיין פארוואס זיי זענען אויסגעוועלט געווארן צו האבן אזא קינד?

### ענטפער:

**דער** ענטפער איז, יעדער איינער אין לעבן האט א געוויסע ראלע. עס זענען דא מענטשן וואס זענען געבוירן געווארן חלילה צו שטארבן יונג. עס איז באוויסט אין די גמרא אז געוויסע מענטשן זענען שוין פון אנהייב באשטימט געווארן צו א קורצע לעבנסשפאן. געוויסע קינדער ווערן געבוירן צו שטארבן ר״ל גלייך ביים געבוירן אדער נאך פריער. יעדער האט א ראלע אין לעבן. און אלעס האט א צוועק, ווייל יעדער ערפילט א נוצבארע פונקציע. א מח-געשעדיגטער קינד האט אויך א פונקציע אויף דער וועלט.

ערשטנס כל, די אלע מענטשן וואס האבן נארמאלע קינדער מוזן אויסנוצן דעם געלעגנהייט צו זיין פריילעך און דאנקען השי״ת. עס איז זייער וויכטיג; אז נישט וועט איר קיינמאל נישט פארשטיין וואס איר פארמאגט, אויב איר קענט נישט ציען א קאנטראסט. אויב איר האט א נארמאלער קינד, מוזט איר דאנקען השי״ת פאר די אלע לאנגע יארן פון צער פון וואס איר זענט פארשוינט געווארן. יעדער איינער וואס האט א קינד אן עפעס א פארקרימטע פנים, א קינד וואס איז נישט קיין קריפל, א קינד וואס האט נישט קיין שום ערנסטע קראנקהייט דארף כסדר דאנקען דעם אויבערשטן. און נישט בלויז פאר דעם קינד, נאר פאר אייך אליינס אויך. און דאס איז איין פונקציע פון א נישט-געזונט קינד; אז עס זאל זיין איינער אויף דער וועלט וואס זאל עס דעמאנסטרירן.

די שאלה איז: איז דאס יושר פאר דעם קינד און זיינע עלטערן זאלן אויסגעוועלט ווערן פאר די פונקציע? און דער ענטפער איז – קיינער ארבעט נישט אומזיסט אויף דער וועלט. יעדער וועט באקומען באצאלט פאר זיין ארבעט. און א קינד וואס איז געבוירן צו סערווירן אזא סארט ראלע, גייט צום סוף אין עולם הבא, און ער ווערט גאר גוט באצאלט. ער ווערט באצאלט בעסער ווי אסאך מענטשן וואס האבן געלעבט גליקליכע, נארמאלע לעבנס. די גמרא זאגט וועגן די קינדער וואס שטארבן ל״ע יונג, אז דער אויבערשטער אליינס ווערט זייער רבי אין עולם הבא.

מען קען גארנישט פארשטיין פון דער וועלט אויב מען נעמט נישט אין חשבון עולם הבא. די וועלט איז בלויז א פארצימער צו די קומענדיגע וועלט. אויב מען זעט די קומענדיגע וועלט פארשטייט מען אז אלע אומפארשטענדעניש ווערן אויסגעקלארט אין עולם הבא.

די עלטערן וואס האבן רחמנות אויף זייער קינד, זיי פיטערן דעם קינד, און זיי האבן אלע רחמנות וואס עס פעלט אויס פאר דעם קינד, פארדינען אן אויסטערלישע רייכטום פון עולם הבא. סיי–וואס עס איז די צוועק פון דעם ערשיינונג, ווערט עס אויסגעפירט דורך די מענטשן.

אסאך מענטשן האבן אפילו א גרעסערע פעקל צו טראגן אין דער וועלט, און דערפאר דארפן מענטשן זיין צופרידן אז דאס איז די מאסע פון זייער פעקל, און זיי דארפן עס אננעמען, און פארשטיין אז דער אויבערשטער איז אן ארבעטסגעבער וואס איז נישט קארג ווען עס קומט צו באצאלן שכר.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט און אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com



באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
שב"ק פ' שמיני תשע"ה לפ"ק
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב